בס"ד

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת פינחס
תשפ"ה
גליון קנ"ב
שנה ד'

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

### ביי די קנאות פון פינחס איז צוריק נתעורר געווארן די זלזול אויף אהרן הכהן'ס יחוס

**פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן.** (כה, יא)

רש"י ברענגט פון חז"ל, אז וויבאלד די שבטים האבן מבזה געווען פינחס און געזאגט: "הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לע"ז והרג נשיא מישראל...", איז דער פסוק געקומען און אים מייחס געווען צו אהרן הכהן.

אין מדרש רבה פרשת בהר שטייט (ויק"ר לג, ד) אז ווען משה און אהרן זענען געקומען מייחס זיין די אידן צו זייערע עלטערן האבן די אידן זיך גענומען טשעפענען אהרן זאגנדיג: דו קומסט באקוקן אונזער יחוס? קודם באקוק די יחוס פון דיינע קינדער! דיין זון אלעזר האט דאך חתונה געהאט מיט די טאכטער פון פוטיאל. און ווי נאר דער אויבערשטער האט געזען אז די אידן זענען מזלזל אין אהרן האט ער אנגעהויבן אים מייחס זיין לשבח און געזאגט: '**פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן**', אז פינחס איז א כהן בן כהן, א קַנָּאִי בן קַנָּאִי... און וועגן דעם שטייט (שמות ג, א) "**ואלה תולדות אהרן ומשה**" קודם שטייט אהרן און נאכדעם משה, צו ווייזן אז אהרן'ס יחוס איז ריין. עד כאן המדרש.

פרעגט דארט דער 'יפה תואר', לכאורה די גמרא זאגט דאך ווי רש"י ברענגט דא אראפ אז די תורה איז געקומען מייחס זיין פינחס צו אהרן הכהן ווייל די שבטים האבן פארשעמט פינחס אויף זיין מעשה קנאות, איז וואס זאגט דער מדרש אז דאס איז געווען ווייל די אידן האבן מזלזל געווען אין אהרן ווען ער האט מייחס געווען די אידן? נאכמער, משה און אהרן האבן דאך געציילט די אידן לבית אבותם "**בשנה השנית לצאתם מארץ מצרים**", און דא ווען די תורה קומט מייחס זיין פינחס צו אהרן הכהן איז דאך געווען צום סוף פון די **פערציגסטע יאר**, איז וואס איז פשט אז ווען די אידן האבן אנגעהויבן מזלזל צו זיין אין אהרן האט דער אויבערשטער געזאגט "פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן", דאס איז דאך געווען יארן שפעטער?!

קען מען זאגן, אז בעצם האבן די אידן טאקע מזלזל געווען אין אהרן אין אנהייב ווען אהרן האט זיי געציילט, און די אידן האבן דעמאלטס געהאלטן אז די שידוך פון אלעזר מיט די בנות פוטיאל איז נישט געווען אויסגעהאלטן, און וועגן דעם האט די תורה דעמאלטס געשריבן "ואלה תולדות אהרן ומשה" צו ווייזן אז זיין יחוס איז נישט פגום. אבער שפעטער ביי די קנאות פון פינחס איז צוריק נתעורר געווארן א זלזול אין אהרן, ווייל זיי האבן געזאגט אז אמת טאקע אונז וויס מיר שוין אז די שידוך איז געווען אויסגעהאלטן, אבער סוף כל סוף איז אריין א מידה פון אכזריות אין אהרן'ס קינדער ווייל זיי שטאמען פון בנות פוטיאל, איז דאך געבליבן עפעס א זוהמה ביז דריי דורות שפעטער, ווי חז"ל זאגן (שבת קמו.) אז ביז דריי דורות פון די אבות הק' איז געבליבן א זוהמה; פון אברהם אבינו איז ארויסגעקומען ישמעאל, און פון יצחק אבינו איז ארויסגעקומען עשו, הגם די זיווג פון די אבות איז דאך זיכער געווען גאר הייליג, און דאס איז די סיבה פארוואס פינחס האט גע'הרג'עט זמרי ווייל ער האט נאך פון די זוהמה פון בנות פוטיאל.

און וועגן דעם איז די תורה געקומען זאגן "**פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן**", אז די קנאות פון פינחס איז נישט פון א פגם אין זיין שורש, נאר ער איז א **כהן בן כהן** און א **קנאי בן קנאי** וואס זיין קנאות קומט פון א הייליגן מקור, און עס איז נישטא קיין שום זוהמה אין אהרן'ס דורות.

**'מלא העומר' פרשת בהר כה, יד**

### כלל ישראל איז געבליבן אפגעהיטן בקדושה און די פארמינערונג אין זייער צאל איז ווייל די גאנצע דור המדבר איז שוין אויסגעשטארבן

**וַיִּהְיוּ פְקֻדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף כָּל זָכָר מִבֶּן חֹדֶשׁ וָמָעְלָה כִּי לֹא הָתְפָּקְדוּ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי לֹא נִתַּן לָהֶם נַחֲלָה בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... וּבְאֵלֶּה לֹא הָיָה אִישׁ מִפְּקוּדֵי מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֲשֶׁר פָּקְדוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּמִדְבַּר סִינָי. כִּי אָמַר ה' לָהֶם מוֹת יָמֻתוּ בַּמִּדְבָּר...** (כו, סב-סה)

מען דארף דא פארשטיין צוויי זאכן: ערשטנס, וואס פעלט אויס צו זאגן אז שבט לוי איז נישט געציילט געווארן מיט אלע אידן **ווייל זיי האבן נישט באקומען א נחלה** צווישן די אידן, דאס שטייט דאך שוין לכאורה אין די פסוקים פריער, ווען נאכ'ן ציילן אלע שבטים חוץ שבט לוי האקט די תורה איבער מיט די פסוקים (לעיל נב-נו) "**לָאֵלֶּה תֵּחָלֵק הָאָרֶץ בְּנַחֲלָה**", און נאכדעם איז די תורה ממשיך מיט'ן ציילן שבט לוי, לכאורה וואו קומט אריין חלוקת הארץ אינמיטן? נאר ווייל די תורה וויל זאגן אז "**לָאֵלֶּה**" - **נאר די שבטים** וואס מען האט יעצט געענדיגט ציילן - נישט אריינגערעכנט שבט לוי - באקומען א נחלה אין ארץ ישראל. אויב אזוי וואס פעלט אויס איבערצוזאגן אז שבט לוי איז נישט געציילט געווארן צווישן אלע שבטים **ווייל זיי האבן נישט באקומען א נחלה?**

צווייטנס, וואס וויל דער פסוק ארויסברענגען מיט דעם אז אין די יעצטיגע צאל איז נישט געווען קיינער פון די ערשטע ציילונג ווייל אלע זענען אויסגעשטארבן אין מדבר? וואס איז דאס וויכטיג צו וויסן?

קען מען זאגן, ווייל ביי די יעצטיגע מנין איז די סך הכל פון אלע שבטים אראפ פון 603,550 ביי די ערשטע מנין (לעיל ב, לב) אויף 601,730. און לעומת זה, שבט לוי, איז ארויף פון 22,000 (לעיל ג, לט) אויף 23,000. אבער בעצם איז א גרויסע וואונדער אויף שבט לוי, ווייל זיי האט מען דאך געציילט פון א חודש אלט קעגן אלע אנדערע שבטים וואס מען האט נאר געציילט פון 20 יאר אלט, און מיט דעם אלעם זענען זיי ניטאמאל אנגעקומען צו די צאל פון די קלענסטע שבט [מנשה האט געהאט די קלענסטע צאל = 32,200]?!

נאר דער הסבר איז, ווייל אין פרשת שמות (א, יב) שטייט: "וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ" - ווי מער די מצרים האבן געפייניגט די אידן אלס מער האבן זיי זיך פארמערט. און דער הסבר איז, ווייל די מצרים האבן געטראכט עצות אז די אידן זאלן בלייבן אין מצרים, זענען זיי אויפגעקומען מיט א געדאנק צו פייניגן די אידן, אזוי וועלן אלע רעדן אז די אידן האבן זיך שוין אויסגעמישט מיט די מצרים ווייל אויב די מצרים האבן שולט געווען בגופם איז דאך כל שכן אז זיי האבן שולט געווען בנשותיהם, און אזוי וועלן די אידן פארבלייבן אין מצרים אויף אייביג.

# די הייליגע צוואה

## ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

### הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
מו"ה **יואל ראכליץ** הי"ו
לרגל אירוסי בתו שתחי' למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה
ויזכה לבנות בית נאמן בישראל

און אויף דעם איז געקומען דער ענטפער: "**כן ירבה וכן יפרוץ**" אז די אידן האבן זיך פארמערט למעלה מדרך הטבע. ווייל חז"ל זאגן דאך (ע"ז נד:) אז איינער וואס האט חתונה באיסור וואלט נישט געדארפט האבן קיין קינדער, נאר עולם כמנהגו נוהג, און ווער עס איז מקלקל איז עתיד ליתן את הדין. אבער עס איז דאך פשוט אז דער אויבערשטער גייט נישט משנה זיין די טבע פאר איינער וואס האט חתונה באיסור, איז אויב די אידן האבן זיך פארמערט שלא כדרך הטבע, איז אן אפענע סימן אז זיי האבן זיך נישט אויסגעמישט מיט די מצרים. און וועגן דעם טאקע שבט לוי וואס איז נישט געווען אינעם שעבוד, איז דאך נישט געווען אויף זיי דעם חשד אז די מצרים האבן שולט געווען אויף זייערע ווייבער, ממילא האבן זיי זיך נישט פארמערט שלא כדרך הטבע, ווייל סתם אזוי מאכט דער אויבערשטער נישט א שינוי אינעם דרך הטבע, וועגן דעם איז שבט לוי געווען די קלענסטע אין צאל.

אזוי אויך, אויב שבט לוי וואלט זיך אויך פארמערט שלא כדרך הטבע וואלט אויסגעקוקט אז **די אידן** פארמערן זיך שלא כדרך הטבע, ממילא וואלט שוין נישט געווען פון דעם קיין סימן אז די מצרים האבן נישט שולט געווען אויף זייערע ווייבער, אבער יעצט אז שבט לוי האט יא געבוירן כדרך הטבע און אלע אנדערע שבטים האבן זיך פארמערט שלא כדרך הטבע, איז דאס אן אפענע סימן אז דער אויבערשטער האט דאס ספעציעל געטון צו ווייזן אז זיי האבן זיך נישט אויסגעמישט מיט די מצרים.

אויב אזוי, ביי די יעצטיגע מנין ווען דער צאל פון שבט לוי איז ארויף מיט 1,000 וואלטן לכאורה אלע אנדערע שבטים אויך געדארפט זיך פארמערן כאטש אזויפיל, אבער למעשה זענען אלע אנדערע שבטים אראפ מיט כמעט 2000, וואלט דאך געקענט זיין א קלער אז וויבאלד די אידן זענען דא נפרץ געווארן בעריות מיט בנות מדין, האט דאס ח"ו גורם געווען אז זיי זענען שוין געבליבן אויסגעמישט מיט די גוים, און וועגן דעם איז זייער צאל נתמעט געווארן ווייל אויף אן אופן פון איסור גייט דאך דער אויבערשטער נישט מאכן אז זיי זאלן זיך זייער פארמערן.

אזוי אויך וואלט געקענט זיין א קלער, אז וויבאלד ביי די ערשטע ציילונג איז שבט לוי געציילט געווארן באזונדער ווייל דער אויבערשטער האט שוין געוואוסט אז עס גייט זיין א גזירה אויף אלע געציילטע פון 20 ביז 60 אויסצושטארבן אין מדבר און ער האט נישט געוואלט אז שבט לוי זאל זיין אין כלל (רש"י לעיל א, מט), איז אפשר יעצט אויך שבט לוי געציילט געווארן באזונדער ווייל יעצט גייט אויך קומען א גזירה אויף אלע געציילטע וועגן די חטא פון בנות מדין.

טאקע וועגן דעם קומט די תורה דא נאכ'ן שרייבן די צאל פון שבט לוי וואס איז ארויף צו 23,000 קעגן אלע אנדערע שבטים וואס זענען געפאלן אין צאל, ספעציעל באטאנען פארוואס שבט לוי ווערט געציילט באזונדער, און דער פסוק זאגט: "**כי לא התפקדו בתוך בני ישראל**" - אז דאס אז זיי זענען נישט געציילט געווארן צווישן אלע איז נישט ווייל עס גייט קומען א גזירה אויף אלע געציילטע, נאר וועגן די איינע סיבה "**כי לא ניתן להם נחלה בתוך בני ישראל**".

אזוי אויך פירט דער פסוק אויס "**ובאלה לא היה איש מפקודי משה ואהרן הכהן... כי אמר ה' להם מות ימותו במדבר**" צו זאגן אז די סיבה פארוואס די צאל פון אלע שבטים איז אראפ איז נישט ווייל זייער קדושה איז ח"ו נתחלל געווארן, נאר אלע וואס זענען געבליבן יעצט נאך די מגיפה זענען באמת ווייטער אפגעהיטן. נאר היות **אלע ערשטע געציילטע זענען אויסגעשטארבן אין מדבר** וועגן דעם איז די יעצטיגע צאל וויניגער. משא"כ שבט לוי, וואס איז נישט געווען אין די גזירה צו שטארבן אין מדבר, איז טאקע זייער צאל ארויף.

### צוליב די חטא מי מריבה האט 'מדבר צין' צובאקומען דעם נאמען 'קדש'

**כַּאֲשֶׁר מְרִיתֶם פִּי בְּמִדְבַּר צִן בִּמְרִיבַת הָעֵדָה לְהַקְדִּישֵׁנִי בַמַּיִם לְעֵינֵיהֶם הֵם מֵי מְרִיבַת קָדֵשׁ מִדְבַּר צִן.** (כז, יד)

די ווערטער "**הם מי מריבת קדש מדבר צין**" קוקט לכאורה אויס איבעריג, ווייל דער פסוק זאגט דאך שוין פארדעם אז די מעשה פון מי מריבה איז פארגעקומען אין מדבר צין?

נאר אין פרשת חקת האבן מיר שוין מדייק געווען אויפן פסוק (לעיל כ, א) "וַיָּבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל כָל הָעֵדָה מִדְבַּר צִן... וַיֵּשֶׁב הָעָם בְּקָדֵשׁ", אז ער הייבט אן אז די אידן זענען אנגעקומען צו **מדבר צין** און ער ענדיגט אז זיי האבן זיך באזעצט אין קָדֵשׁ, איז עס געווען מדבר צין אדער **קָדֵשׁ**? נאר דער אמת'ער נאמען איז געווען מדבר צין, נאר נאך וואס די אידן האבן זיך דארט באקלאגט אז זיי האבן נישט קיין וואסער וואס דאס האט צוגעברענגט די חטא מי מריבה וואס דורכדעם איז דעם אויבערשטנ'ס נאמען געהייליגט געווארן, האט די פלאץ צובאקומען די נאמען 'קדש' על שם וואס עס שטייט דארט 'וַיִּקָּדֵשׁ בָּם'.

לויט דעם קען מען מפרש זיין דעם פסוק דא: "**כאשר מריתם פי במדבר צין**" אזויווי איר האט ווידערגעשפעניגט מיין באפעל אין מדבר צין, "**במריבת העדה**" ווען די אידן האבן זיך געקריגט אויף וואסער, וואס צוליב דעם "**להקדישני במים לעיניהם**" איז דער נאמען פונעם אויבערשטן דארט געהייליגט געווארן, "הם מי מריבת **קדש - מדבר צין**" דאס האט גורם געווען אז די פלאץ זאל אויך הייסן **קדש** בנוסף צו זיין ביז יעצטיגע נאמען **מדבר צין**.

**'מלא העומר' פרשת חקת כ, א**

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868